(?ב?) 4189 ד ב א י א ץ – דער, |מצ?| "זידלווארט"|קטוו|.

רעד: באטייט – ניט קלאר. דער אינפארמאנט גיט נאר צו "דבאיאץ פון שולע" – דאס דערקלערט גארנישט, סיידן מע זאל אננעמען, אז ס'דארף זיין געשריבן "דוואיאץ", קען עס אפשר מיינען א שלעכטער שילער, וואס קריגט "צווייען" פון פויליש *dwójka*.

בכלל קען מען זיך באגיין אן דעם ווארט...

ד ב ו ק - ----← דיבוק.

(קלימאַטיש)

ד ב ו ק |דאַוועק| - פֿרעד אדוו צו "זיין/ווערן".

(לל) באַהאַפֿטן, שטאַרק פֿאַראייניקט, געבונדן.

% דבוק זיין צו/אין עמעצן/עפּעס.

1870 " בשעת דער רבי איז דבוק אין איידעלע מחשבות,

4190 האָבן זיי צו אים קיין שליטה ניט". מ. דלוגאַטש,

פֿער 177, נ׳ 24, ז׳ 176.

1883 " דער דאַזיקער מענטש, וואָס איז דבוק אָן דעם

4191 הייליקן באַשעפֿער, דער דאַזיקער ווערט אָפּגעהיט פֿון

א שאָדן". אנ, נופֿת צופֿים, 2, 27.

1919 " בעווייל די חטאים ווערט מען דערווייטערט פֿון

4192 השי״ת, און דורך דעם קרבן ווערט מען דבוק אין השי״ת".

זאַלער, 2, 22.

ד ב י ר - ----← **דיבור**.

ד ב י ק ה ן ז י ך - ←---- <u>דבקהן זיך</u>.

ד ב י ק ה נ ע ן ז י ך – ---< דבקהן זיך.

ד ב י ק ו ת - <---- __דבקות__.

ד ב̄ י ר |דוויר| - דער, =ים. (לל) 1. דער קודש=קדשים
פֿון בית=המקדש.

1936 " דערהערט דאָס קול פֿון מײַנע געבעטן, ווען איך שריי
4240 צו דיר, ווען איך הייב אויף מײַנע הענט צו דעם
דביר פֿון דײַן הייליקטום". איבן גראָס, תהילים,כח -2.

2. (פֿיג) אַ שיינער זאַל אין אַ פּאַלאַץ.

1953 " ס'איז אונדזער האַרץ אַ פּאַלאַץ, אַ פּאַליי, אַ דביר,//
4241 בעט אויס אים מיט טאַפּעטן און מיט אַל די ציר".
איבז מ. יפה, פער 38, נ' 20, ז' 153.

ד ב ק ה ן |דווייקען| ז י ך - אוטוו, פֿפֿ דבקהנען זיך, פּאַר געדבקהט זיך

ביים דאַווענען אָדער לערנען מאַכן אינטענסיווע
העוויות און מינעס(שאָקלען זיך שטאַרק, פּאַטשן מיט
די הענט, אויפֿהייבן דאָס קול אַד"גל), אַרייַנברענגענדיק
זיך דערמיט אין רעליגיעזער עקזאַלטאַציע אין דער
שטרעבונג צו פֿילן זיך באַהאַפֿטן מיט גאָט. דעם רבינס
דבקהן זיך זייַנע משונהדיקע העוויות האָבן אַנגעוואָרפֿן
אַ מורא אויף דעם עולם. ער דבקהט זיך הייַנט צו פֿיל,
דער חסיד.

1883 " ביי חסידים |...| אין דער עיקר |...| זיך דבקהן".
4198 אן, דער רייזענדער, 1, 51.

1896 " אַלע חסידים |...| האָבן זיך ביים זינגען
4199 געדבקהט ביז כלות הנפש". גאָטלאָבער, 3.

1904 " |...| פֿײַנט געקריגן די וואָס דאַוונען הויך

און <u>דבֿקהן זיך</u> און באָמקען און מאַכן העוויות". 4200

<u>שלום=עליכם, 233,28.</u>

**ד ב ק ו ת** |דווייקעס| - דאָס/די, באַ. גײַסטיקע באַהעפטונג
מיט גאָט דורך קאָנצענטרירן די מחשבות; עקזאַלטאַציע,
עקסטאַז. % ביי חסידים ~~שפּילט~~ ביים דאַווענען די
גרעסטע ראָלע ~~דבקות~~. ביי זייער רבין איז דאָס דבקות
געווען בתכלית השלמות. דער יונגערמאַן לערנט מיט
דבקות, שאָקלט זיך און פּויקט מיט די פינגער אויפן שטענדער.

|1819| " דער רבי זאל לעבין איז נאך דעם דאבנין זעהר
4201 אויפגיהויבין גיוועזן אונ' דער שמיס זיינר איז
גיוועזן מיט שרעקליך דבקות וויא זיין שטייגר איז
תמיד". פּערל, 1, 1.

1889 " און הלל מיט שמאין האָבן אויך זיך מיט דבקות //
4202 געאַמפּערט, געפירט זייער אַלטע מחלוקת".
י.ל. גאָרדאָן, 1, 60.

1916 " ער איז מאריך דעם 'אחד' און זיין <u>דבקות</u>

4203 דערגרייכט די העכסטע מדרגה". <u>זילבערבוש, 1, 78</u>.

1957 " דורך די דריי ליבשאפטן - אהבת=המקום, אהבת=ישראל

4204 און אהבת=התורה - איז מען זוכה צו <u>דבקות</u>".

<u>ה. צייטלין, 1, 27</u>.

|| <u>דבקותדיק</u> - <u>אדי/אדוו</u>. וואס איז אין דבקות;

עקסטאטיש, עקזאלטירט. % א <u>דבקותדיקער</u> טאנץ.

דאס דבקותדיקע דאווענען.

1958 " דאס געזאנג איז נישט קיין <u>דבקותדיק</u> געזאנג.

4233 מעצקער דערציילט ווארעם, אבער רעאליסטיש ניכטער".

<u>ביקל, 1, 352</u>.

1972 " |...| האט ער געזונגען <u>דבקותדיק</u> דעם פסוק |...|".

4234 <u>בריקס, 2, 90</u>.

ד ב̄ ק ע ן  ז י ך  - ----← <u>דב̆קהן זיך</u>.

(?נ?) ם ד בֿ ר |דעווער| - דער. בא. פֿעסט, פֿלאג, עפּידעמיע.

1541 " מקברונש ואטיר שפרך דש זי דער דבֿר שלאג".

4243 בבא=בוך, סטר' 352.

1743 " זיינן שיפֿן גקומן פֿיל צו דיא האווין פֿון

4244 איטליא, אונ' דארטן וואר אך איין שווערר הונגר אונ'

אין דיא שיפֿן וואר איין שווערר דבר".

שארית ישראל, דף 3ז - 2.

ד ב ר |דאוואר| - דער, =ים |דוואַרים|. אין יידיש
געניצט נאר (לל) אין צונויפהעפטן מיט אַן אַדי/אַדוו
אַדער מיט א צווייטן סובסטאַנטיוו אין סמיכה:
אצ, דבר=|דוואַר=|, מצ דברי=|דיוורי|.

1. אַ וואָרט, אַ זאָג. % דבר=אמת |דוואַר=עמעס| - א וואר ווארט.
דברי=שטות |דיוורי=שטוס| - נאַרישע רייד,נאַרישקייטן.
דברים=בטלים|דוואַרים בעטיילים| - פוסטע,וואַכעדיקע רייד.

2. אַ זאַך, ענין. % דבר=אסור|דאוואַר=אסער|- אַ פאַרבאַטענע זאַך.
דבר=ידוע|דאוואַר=יאַדוא| - אַ באַקאַנטע זאַך.

1872 " מע האָט גערעדט ביי איין אין שוב אזעלכע
דברים אויף איין אדם כשר לפחות, וואס בלייבן קיין 4435
מאָל אומבאַשטראַפט". דיק, 61.

3. פאסירונג, געשעעניש. % דברי=הימים|דיוורייי=האיאמים| -
די געשיכטע, די כראניק.

0 דבר=אחר - ---→ זבז.

דבר=איסור|דוואר=איסור| - מצ דברי = ~ [דיווריי״=.~].
א זאך וואס אויף אים איז חל א פארבאט.

1817 " |...| פאר פחד געבן אים זיינע קנעכט עפס צו
עשין פון דבר איסור". ס׳ חסידים, סימן קמה. 4251

|?1956| " |...| מער ניט וואס איך א דבר=איסור
פאלט אים ניט איין צו טאן דעם איסור בפועל ממש". 4252
איבז אנ, ליקוטי אמרים, סימן דף 34.

<u>דבר=אמת</u> |דוואר=עמעס| - <u>מצ דברי</u> = ~|דיוורייי=~|.

1. אַ וואָרט פון אמת, אמתדיקע, ריכטיקע רייד.

% ער איז אַ באַוווּסטער ליגנער, לאָזט ניט אַרויס קיין <u>דבר=אמת</u> פון מויל.

2. (<u>אייפעמ</u>) רכילות, לשון=הרע. % יענער באַרעדט זייַנע שכנים, רעדט אויס אויף זיי פּל דבר=אסור".

1863 " אַזוי אויך די ישראל האָבן געזאָגט <u>דברי=אמת</u> |...|".
<u>אנ, נופת צופים, 1, 223.</u> 4375

<u>דבר=אסור</u> |דאָוואָר אָסור| <u>מצ דברים אסורים</u> |דוואָרים אָסורים|.

1843 " און זאָלסט זייך (לנוטרים) צווישן די היטערס, וואס זיי היטן אפ דאס פאלק פון <u>דברים אסורים</u>". 4436
<u>ס' שיח ספונים, 2, 72.</u>

<u>דבר=בטל</u> |דאוואר באטל| - <u>מצ דברים בטלים</u>|ווארים בעטייללים.

א זאך, טוּונג וואס האט קיין ציל, קיין תכלית ניט.

1909 " דער מענטש דארף זיין געווארנט, וויפל טריט

ער זאל גיין, וויפל ער זאל ריידן, אזוי אויך מיט 4253

איעדן אבער זאל ער זיין אפגעהיט, אז ער זאל נישט

טון מיט דעם אבער קיין <u>דבר=בטל</u>". <u>שפערלינג, 2, 36</u>.

<u>דבר=בכל=יום</u> |דאוואר בעכאל יאם| - א געוויינטלעכע,

טאגטעגלעכע זאך, ענין. % דער יידע דאוונט מיטן

ערשטן מנין, ס'איז ביי אים א <u>דבר=בכל=יום</u>.

1958 " ס'איז א <u>דבר=בכל=יום</u>: פינקט ווי אין 'זייטיקע'

ווערטער דערהיטן זיך ארכאישע פענאמענען, אזוי האבן 4254

גייקע, און אפעקטיווע ווערטער די טבע דורכצופירן

נייעסן". <u>מ. ווײַנרייך, פער 94, נ' XLI, ז' 110</u>.

דבר=בעתו |דאוואר=בעיטוי| – מצ דברים בעתם|דוואַרים בעיטאַם|.

אַ זאַך, פּאַסירונג, געשעעניש אין דער ריכטיקער צייַט,

פּונקט ווען מע דאַרף. % דער רעגן איז איצט אַ דבר=בעתו,

די טריקעניש געדויערט שוין צו לאַנג.

1953 " איך געפֿין אָבער, |...| אַז אײַער אונטערנעם איז

אַ דבר=בעתו". |איבז?| ביאַליק, פּער 38, נ׳17, ז׳256. 4255

דבר ברור |דאַוואַר באַרור) – מצ דברים=ברורים|דוואָרים ברורים|.

אַ קלאָרע זאַך, ענין.

... " אט אזוי זשע רעד, |...| דברים ברורים, קורצע

דיבורים! ". שלום=עליכם, ב7, 133.

**דבר=גדול** |דאָוואָר גאָדל| - מצ דברים=גדויילים |דוואָרים גדויילים|.

א גרויסע זאַך, ענין, וויכטיקער ענין.

1875 " ענטפערט אים דער רבי: לאָז אַצינד נאָך, ווייל איך
4257 בין עוסק אין איין דבר גדול וועגן כללות ישראל, עס
איז ניט די צייט אַצינד אין זיך האָבן אַ יחיד".
אנ. קהל חסידים, דף נט.

1909 " אַפּילו עס קומט צו אַ מענטש איין זאַך וואָס איז
4258 נישט גוט ח"ו, זאָל ער אָננעמען פֿאַר ליב, |...| רבי עקיבא
פֿלעגט אזוי תמיד |...| טאָן און דורך דעם האָט ער געטון
אַריינציען אין דעם שלעכטן, אַז עס זאָל איבערגעקערט
ווערן לטובה. דאָס איז אַ דבר גדול". שפּערלינג, 2, 83.

פֿון נומער 20
ביז נומער 24
איבערגעהיפּט.
עס פֿעלט

פון נומער 20
ביז נומער 24
אובאגעהי פאסט.
<u>עס פאסט</u>

פֿון נומער 20
ביז נומער 24
אובמגרהי פֿעלט.
עס פֿעלט

פֿון נומער 20
ביז נומער 24
איבערגעהיפּט.
עס פֿעלט

פֿון נומער 20

ביז נומער 24

אובמגרהי פמב.

עם פֿמב

[illegible]! (ניט קיין ניי פּאָזיציע, נאָך 19)

דבר דבור על אופניו |דאַוואַר דאַווער אַל אויפאַנאַוו| (?נ?)

– אַ וואָרט צו דער זאַך, אין זין פון פינקטלעכקייט, געאַרדנטקייט.

דבר ד׳ |דוואַר אַדאַני| – גאָטס וואָרט, די רייד פון גאָט.

|?1956| "אַלעס ווערט נמשך און ווערט נישפע פון |...| 
די צוויי און צוואַנציק אותיות פון דעם דבר ד׳". 4259
איבז אנ. ליקוטי אמרים, דף קח – רכא |?|.

דבר ה׳ – דזוו דפוו.

דבר היוצא מן החי |דאַוואַר האַיויצע מין האַכאַי| – אַ טייל, אַ שטיקל פון אַ לעבעדיקער זאַך, פלייש פון אַ בעל=חי.

1925 " זעקל |?| לייב זאל זיך געבן א נדר אין זיין
גאנצן לעבן נישט צו עסן און טרינקען קיין דבר היוצא מן החי
|...| נאר שפייזן זיך מיט זאכן, וואס וואקסן אין
גארטן און אויפן פעלד". איבז י. שפירא, 1, 112.

דבר=הלכה |דוואר=האלאכע| - מצ דברי=~ |דוורי=~|.
אן ענין וואס איז דא אין דער הלכה (דינים פון תלמוד).

1959 " ווער איז א תלמיד חכם? וואס |אז| מ'פרעגט אים
4261 א דבר=הלכה אין וואסער ס'איז ארט, און ער זאגט
(שבת, קיד, א)". ה. זיידמאן, פער 68, X/ 16.

1973 " |...| איז לכבוד דעם געהויבענעם אורח אריין
4262 אין א דבר=הלכה: מיר געפינען אין דער גמרא א מחלוקת
|...|". גראדע, פער 155, VI/ 10.

<u>דבר (ה)מותר</u> | דאוואַר (האַ)מוטאַר | - <u>מצ דברים(האַ)מותרים</u>

|דוואָרים (האָ)מוטאָרים| - אַ זאַך וואָס מע מעג טאָן

אל=פּי=דין.

1957 " ניט נאָר ווען מען טוט בפּירוש אַן עבירה, נאָר

4263 אויך ווען מען טוט אַ דערלויבטע זאַך, אַ <u>דבר המותר</u>,

אויב עס איז ניט 'לד', לרצונו ולעבודתו', ווערט מען

שוין בשעת מעשה אַ מרכבה צו דער סטרא אחרא".

<u>ה. צייטלין, 1, 206</u>.

1957 " |דער יצר=הרע| איז אַ גרויסער אומן אין זײַן

4261 אַרבעט. ער הייבט אָן מיט דעם אדם פון <u>דברים המותרים</u>".

<u>י.י. שניאורסאָן, 1, דף קי"א</u>.

<u>דבר הסמוי מן העין</u> |דאָוואָר האַסאָמוי מין האָאַיִן| –

אַ פֿאַרבאָרגענע זאַך, אַן ענין וואָס איז נאָך אומקלאָר.

<u>דבר השווה לכל נפֿש</u> |דאָוואָר האַשאָווע לעכאָל נעפֿעש| –

אַ צוגענגלעכע זאַך, עפּעס וואָס איטלעכער קען ניצן,
וואָס יעדער קאָן קריגן.

... " ער האָט אָפּגעקויפֿט אַ נייַע המצאה, אַ מין וואַקס,
אַ <u>דבר השווה לכל נפֿש</u>, דער אָרעמסטער ייִד קען דאָס קויפֿן".
פּרץ, דערצ "נעילה".

1922 " בנוגע צום 'פּירוש' האָבן מיר זיך באַמיט צו שאַפֿן
אַ זאַך, וואָס זאָל זייַן אַ דבר השווה לכל נפֿש".
<u>איבּז זאַלקינד, 4, הקדמה.</u> 4266

דבר והיפוכו |דאוואר וועהיפוכוי| - איין זאך און דאס
פארקערטע פון איר, צוויי קעגנגעזעצטע זאכן, ענינים.

1957 " מצד אמונה |אליין| קען זיין דבר והיפוכו,
4267 ברגה זה גופא וואס מען איז מאמין בד׳ |...| קען
מען טאן א זאך וואס איז נגד ה׳". מ.י. שניאורסאן, 1, דף קל"א.

דבר=חול |דוואר=כאל| - מצ דברי = ~ |דיווריי=~|. -
א וואכעדיקע זאך, עפעס וואס איז ניט געבונדן מיט תורה.

1867 " |...| פון ליכט=בענטשן ביז נאך הבדלה טאר
4268 מען ניט אויסרעדן קיין שום דבר=חול, חוץ פון
פיקוח=נפש וועגן וכדומה". לינעצקי, פער177, נ׳41, ז׳305.

|1931-1926| " ר׳ שבתי רעדט שוין נישט אכט טעג,
4269 זאגט נישט ארויס קיין דבר=חול, איז נישט מפסיק א
רגע פון לערנען". אפאטאשו, 15, 347.

1888 " עס האט זיך איך איר |איך שטעטל| פארפירט
|...| נאך א חברה, וואס רעדן ניט קיין דברי=חול 4382
אום שבת". שאצקעס, 2, 162.

1956 " האסט דערופט דיין גלעזל טיי,// געערדט דברי=חול!
שומיאטשער, 4, 43. 4383

1959 " |...| ער האט זיך פארגענומען אין הייליקן שבת
ניט צו ריידן קיין דברי=חול נאר סאמע לשון=קודש". 4384
מ. באכנער, יב, 9, 180.

דבר=חידוש |דוואר=כידעש| - מצ דברי=~ |דיווריי=~| -
א נייעס, אן אויסטערלישע זאך, א נייער אויפטו.

1868 " איך וויך אייך דערציילן א דבר=חידוש, וועט
איר אליין זאגן, אז עס איז א נס מן השמים". 4270
ח. מלמד, פער 177, נ'40, ז'290.

1880 " |...| ווען עס איז געקומען צו זיינע הענט איין

4271 דבר=חידוש אין דער תורה, זאָל ער עס דערציילן צו זיין

חבר". געלבארט, 1, דף כד.

1963 " |...| ייִדן מיט ווּעמען אַ וואָרט צו רעדן,

4272 אַ דבר=חידוש איבערצושמועסן |...|". י. עמיאָט, פּער155, IV/7.

דבר=חכמה |דוואָר=כאָכמע|- מצ דברי=חכמה |דיוורײַ=כאָכמע|.-

אַ קלוג וואָרט, קלוגע רייד.

1876 "אייביק זאָל זיך דער מענטש געוווינען צו שווייגן

4273 און זאָל ניט ריידן נאָר אין דבר=חכמה". יאסעלאָוויץ, 1, דף ט׳.

1940 " |...| איר האָט מחדש געווען אַ דבר=חכמה".

4274 ר. ראָזענפעלד, פּער 187, ז׳ 124.

דבר חשוב |דאוואר כאשעוו| - מצ דברים חשובים|דוואָרים כאשוווים|
- א וויכטיקע זאַך, א וויכטיקער ענין.

1874 " |אויב| ער שיט דאס |ברויט| אריין אין ווארעמע
ביר, כדי אַז די ברעקלעך זאלן צוגעבן א טעם אין ביר, 4277
ווייל עס איז ניט פאראן אין דעם ברויט א ממשות, אַז
עס זאל |...| גערעכנט זיין פאר א דבר חשוב |...|
איז דאָס ביר אַ עיקר, באַדאַרף מען דרויף מער ניט צו
מאַכן שהכל". איבז אנ, ס' ברכת הנהנין, 1, 52.

דבר טמא |דאוואר טאמע|- מצ דברים טמאים|דוואָרים טמייִם|.-
אַן אומריינע, אומוווערדיקע זאַך( ס'רוב וועגן טריפהנע מאכלים)

1832 " דיינע ריינע ישראל האשטו פאר מיטין זייא זאלין
ניט עשין קיין דבר טמא כדי זייא זאלין ניט מטמא זיין
דאַש נפש". מחזור, 2, דף קיג/א.

... " דער טעם פון דעם, וואס אז |וועץ| דאס קינד הייבט

אן צו לערנען א"ב, פירן עס |...| פאטער און מוטער 4279

אין חדר אריין|און| באדעקן אים דאס פנים, ער זאל

נישט זען קיין דבר טמא". אנ. ספר מטעמים. ז' 25.

דבר ידוע |דאוואר יאדוא| - מצ דברים ידועים|דוואריס יאדוים|.

א באקאנטע/באוווּסטע זאך, ס'איז ניט קיין סוד, אלע ווייסן

דאס.

1909 " מיין בר=כוכבא זיגט? - דאס איז א דבר ידוע!".

גאלדפאדען. 3. 4280

1929 " דאס איז א דבר ידוע, אז ביי מענטשן מיט אן

ארטרעטישער קאנסטיטוציע |...|". פער 70, נ' 8 - 9. 4281

1954 " וואס שייך סיביר, איז דאס א **דבר ידוע**:

4282 יערמאק האט זי טאקע דעראבערט, אבער געמאכט יענע
ריזיקע געגנט פאר אן אינטעגראלן טייל פון רוסלאנד
האט טאקע צאר איוואן און ניט קיין אנדערער".
ח. גרינבערג, 3, 230.

**דבר=יום=ביומו** |דוואר=יאם=בעיאמוי| – 1. א זאך פון
יעדן טאג, פון טאג=איין, טאג=אויס. % דער זיידע דאוונט
שטענדיק מיטן ערשטן מנין, ס'איז ביי אים א **דבר=יום=ביומו**".

2. צוטיילונג, באדערפעניש פאר יעדן טאג. % מען האט
זיי געגעבן א קליינע פארציע ברויט, **דבר=יום=ביומו**,
און דערמיט האבן די לאגערניקעס געדארפט לעבן.

**דבר יקר** |דאָוואָר יאָקער| - מצ דברים יקרים |דוואָרים יעקאָרים|.

1. אַ טײַערע זאַך (אײַן קאָסטן).

... " אין די פֿאַריקע יאָרן איז נישט געווען בנמצא אַזוי

פֿיל ספרים ווי הײַנט, און אַ ספר איז געווען אַ דבר יקר". 4285

אנ, ס׳ מטעמים, ז׳ 60.

2. אַן אינטערעסאַנטער, וויכטיקער אַרויסזאָג, מיינונג.

1966 " יעדער האָט נאָכגעזאָגט זײַן אייגנס אַ ׳דבר יקר׳,

וואָס איז מבטל |...| יענעמס פּילפּול און חריפֿות: 4286

שטותים!". מ. גראָס-צימערמאַן, פּער 166, X /1.

**דבר לבטלה**|דאוואר לעוואטאלע| - מצ **דברים** =~|דווארים=~|

א ווארט סתם געזאגט, אן א מיין.

1869 " געוווסט האב איך זייער גוט, אז דער רבי וועט

4287 ניט מוציא זיין קיין **דבר לבטלה**". פער 177, נ'47, ז'336.

**דבר מיאוס**|דוואר=מיאוס| - מצ **דברי**=~|דיווריי =~| -

אן אומווערדיקע זאך.

1892 " עס איז ידוע דער איסור צו אטן איין **דבר=מיאוס**

4288 אין איין שול אדער אין איין בית=המדרש, ע"כ טאר

מען ניט שפייען אויף קיין שום הייליק ארט".

אנ, ס' הנהגות טובות, ז' 22.

דבר=מאכל |דוואר=מייכל| - מצ דברי=~ |דיוורי=~ | -

א שפייז, עסנוואַרג.

1892 " לכן מוז מען ניזהר זיין ניט צו וואַרפן |זיך|
מיט קיין ברויט, ניט צו זיצן אויף קיין שום דבר=מאכל". 4289
אנ, ס' הנהגות טובות, ז' 43.

1919 " אָוועקוואַרפן א דבר=מאכל, אויסגיסן וואס עס
קען נאָך ניצן פאַר מענטשן, דאס איז א עובר 'בעל=תשחית". 4290
זאַלער, 1, 47.

דבר מגונה |דאָוואַר מעגונע|- מצ דברים מגונים|דוואַרים מעגונים|
- אומוועדיקע זאַך, אַך מיאוס, וואַרט.

|1817?| "   |...| די תורה לערנט אונדז נאך איין מיצווה

4291 (לא תענה) עס איז אסור צו זאגן איין (דבר מגונה)

פון זיין חבר הינטער דיא אויגן". ס' חסידים, סימן ו'.

דבר מועט |דאוואר מואט| - מצ דברים מועטים |דוואָרים מואטים|.-

א מינדערוועדטיקע זאך, א קלייניקייט.

1833 "  דו זאלסט ניט מקפיד זיין קיגן איין שום

מענטשין אויף א דבר מועט ווארום טאמר וועט דיר

אן קלייבן שונאים אום זונסט". שבט מוסר.

א/4292

דבר מוקצה |דאוואר מוקצע| - מצ דברים מוקצים |דוואָרים מוקצאָים|

- אן אומווערדיקע, אומריינע זאך.

1919 "  גיב איך אכטונג אין די קעשענעס |פון בגדי=שבת|,

4293 צי ס'ליגט ניט עפעס קיין דבר מוקצה, איך זאל ניט

דארפן אום שבת מטלטל זיין". זאלער, 1, 77.

דבר מותר |דאוואר מוטער| - מצ דברים מותרים|דוואָרים מוטאָרים| -

אַ דערלויבטע זאַך, וואָס מע מעג טאָן.

1892 " עס איז שוין ביי זיי אַזוי ווי אַ דבר מותר

|דאָס אַרומשפּאַצירן מיט בחורים|, זיי האָבן גרעסערע 4294

זאַכן צו פאַרריכטן". אנ' ס' הנהגות טובות, ז' 47.

דבר מן החי|דאוואר מין האַכאַי| - מצ דברים=~|דוואָרים=~| -

טייל פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש(פליש, פעל אד"גל).

1805 " איך |די| דריי וואַכן עסט ער ניט (דבר מן החי);

ער רעט ניט מיט קיין פרעמדע אשה |...|". 4295

אנ, מסדר אגרת, ציט עלזעט, 2ד, 37.

1900 " קיין פליש עסן זיי כמעט נישט, נישט מחמת זיי

זענען וועגעטאַריאַנער, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס עסן 4296

נישט קיין דבר מן החי". שלום=עליכם , 14, 12.

1957 " |...| מען דערשטיקט דעם חומר, מען פֿאסט הפסקות,
4297 מען עסט ניט דבר מן החי". ה. צייטלין, 45,1.

דבר=מיצווה |דוואר=מיצווע| - מצ דברי=~| דיוורי = ~ | -
א מיצווה=זאך, א טובֿונג לויט דאָס געבאָטן.

1850 " |...| ער האָט אַ מאָל געדאַרפֿט געלט אויף דבר=מיצווה,
4300 הכנסת=כלה, האָט ער גענומען דער ווייבס תכשיטין
און האָט פֿאַרזעצט". ס' שבחי הבעשט, ז' 35.

רעד: אויסלייג מאָדערניזירט דורכן אויסשרייבער?

1887 " |...| גערעכנט פֿאַר אַן ערלעכן ייִדן, וועלכער
4301 האָט ליב צו געבן אַ קאָפּיקע אין שול אויף אַ דבר=מיצווה".
זאביעזענסקי, 1ב , 37.

1926 " אַ געטאַ=ייִד, וואָס אײַלט זיך, שלײַכט זיך |...| אין דער פֿינצטער איבער ליידיקע גאַסן, גייט וועגן 4302
אַ דבֿר=מיצווה, ווי ניִשט אייך ייִד האָט זיך אַ מאָל
אײַנגעשטעלט דאָס לעבן, געגאַנגען ראַטעווען זײַנע
ברידער אין אַן עת=צרה". אָפּאַטאָשו, 3, 135.

1968 " אַ הייפֿל געוויקסיקע ייִדן אין רבנישע קאַפּעליושן,
|...| זײַנען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק מיט אַזאַ 4303
אימפּעט, ווי זיי וואָלטן זיך געאײַלט צו אַ דבֿר=מיצווה".
ש. אײַזבאַך, פּער 38, ב' 62 - 63, ז' 205.

דבֿר נחוץ | דאָוואָר נאַכײַץ | - מצ דבֿרים נחוצים | דוואָרים נעכוצים | -
אַ געניייטיקע זאַך, אַ וויכטיקער עניין.
1896 " קומט נאָר מיט מיר |...| איך האָב אײַך צו זאָגן
אַ דבֿר נחוץ" . וו. שפּירא, 1, 149. 4304

דבר=נחמה|דוואר=ניכאמע| - מצ דברי =~|דיוורייי=~| -

א טרייסטוואָרט, טרייסט.

1968 " די זקני תלמידי=חכמים |...| שוועבן אין די הויכע עולמות. זיי ווילן |בעת דער דעפּאָרטאַציע| אויסגעפֿינען א דבר=נחמה, אַ רמז אויף דער נאָענטער ישועה".

ש. ראָזמאַן, יזב 20, 308.

דבר נפּלא|דאָוואר ניפּלע| - מצ דברים נפּלאים|דוואָרים נ'פּלאָים|.-

אַ וווּנדערלעכע, אויסטערלישע זאַך.

דבר=סוד | דוואָר=סוד| - מצ דברי =~|דיוורייי = ~ | -

אַ סוד, אַ סעקרעט, א זאַך וואָס קיינער דאַרף ניט וויסן.

דבר=סתר|דוואָר=סייסער| - דזוו דפוו. מצ דברי=~|דיוורייי=~|-

דבר=עבירה |דוואר=אווײרע| - אַן עבירה, עפּעס וואָס איז פֿארבאָטן צו טאָן על=פּי=דין.

|?1817| "ווען דעם מזכּה=רבים קומט אים צו דבר=עבירה און׳ ער ווערט ניצול דר פֿון זאל ער זיך מהנה זיין דען גאָט איז מציל דען מזכּה רבים אז קיין חטא זאל קומן דורך זיא". ס׳ חסידים, סימן ס"ה. 4309

דבר=ערווה |דוואר=ערווע| - מצ דברי= |דיווריי=~| #

שאַנד, אויסגעלאַסנקייט.

1876 "אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט; געלעכטער און גלײַכווערטלעך, דאָס געוווינט אײַן דעם מענטש צו דבר=ערווה". יאָסעלאָוויץ, 1, דף י׳ |10|. 4310

דבר=פּלא |דוואַר=פּעלע| - מצ דברי=~ [דיוורייי=~], ר

אַ וווּנדער, אַ ווּנדערלעכע, אויסטערלישע זאַך.

1869 " היינט אַ מיקווה|איז| גאָר אַ דבר=פּלא... מען

4311 עפּנט נאָר די טיר, |...| דערגייט זיך שוין אין אַלע

אבֿרים דער טעם ג"ע פֿון דער מיקווה". פּער 177, נ׳47, ז׳330.

1896 " |...| זעט אָבער אַ דבר=פּלא, ווי אַזוי די הולטאַיעס

4312 כאַפּן תמיד דעם ערלעכן ייִדן |...|". וו. שפּירא, 148,1.

1965 " כ׳מוז זאָגן דעם אמת: ס׳איז ביי מיר טאַקע עפּעס

4313 אַ דבר=פּלא". פ. רודאַי, פּער 69, V/2.

דבר=פּליאה |דוואַר=פּליאה|-מצ דברי=~ [דיוורייי=~], ר דזוו דפּוו.

1869 "אונדזער רב ר׳ |...| איז דאָך אַ דבר=פּליאה,

4314 וואָס איז נישטאָ זיין גלייכן". פּער 177, נ׳ 5, ז׳35.

<u>דבר=צחות</u> |דוואר=צאכעס| <u>מצ דברים</u> = ~ [דיוורי = ~]

1. א שייך וואָרט, אַ מליצה.

2. אַ װיציק וואָרט, אַ ווערטל, אַ חכמה.

1968 " |...| האָט אַ בעל=הבית געזאָגט אַ <u>דבר=צחות</u>,

4316 אַ חכמה, האָט דער מחזה=אברהם אזוי הויך און פריילעך

געלאכט |...|". <u>ח. גראַדע, צמח אטלאס, ציט' פער 69</u>.

<u>דבר=צדקה</u>|דוואר=צדאָקע| - <u>מצ דברי</u> = ~ [דיוורייי= ~]

אַ צדקה=זאַך, אַ פילאַנטראָפּישע טוונג. % פון וועגן א

<u>דבר=צדקה</u> איז ער גרייט צו לויפן איין מיטן דער נאַכט.

דבר=קדושה |דוואָר=קדושע |מצ דברי = ~ [דיוורײַ= ~] .

הייליקע זאַך.

1875 " |...| דערום האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אז מען

4317 טאָר ניט קוקן אין דעם פּנים פֿון איין רשע, נאָר ער

זאָל זיך געוווינען צו קוקן אויף דבר=קדושה".

קב=הישר, 5, 10.

דבר=קודש |דוואָר=קוידעש| - דזוו דפוו. מצ דברי= ~ |דיוורי= ~.

1882 " פֿאַרצייַע מיר, מורינו ורבינו, דאָס וואָס איך

4318 דאַרף דיר זאָגן, איז אויך איין דבר=קודש".

אנ, דער פֿאַרביטענער, ז' 75.

1875 " ער |דער בעש"ט| האָט געהייסן ברענגען די משוגעת

4411 אין בית=מדרש אַרײַן, כּדי זי זאָל הערן דברי=קדושה

און אַלע היילונגווערטער פֿון זײַן מויל".

אנ, קהל חסידים, דף י'.

<u>דבר=קטן</u>|דאוואר קטן| - <u>מצ</u> <u>דברים קטנים</u>|דוואָרים קטאַנים|.

א קלייניקייט, אַן אומוויכטיקע זאַך.

1909 " אַז מען האָט אַ חשבון מיט זיין חבר, זאָל מען מיט

4319 אים נישט מדקדק זיין וועגן אַ דבר קטן".

שפערלינג, 2, 21.

<u>דבר רוחני</u>|דאוואר רוכאַני| - <u>מצ</u> דברים רוחניים|דוואָרים רוכניִים|.

א זאַך פון גייסט, א גייסטיקער עניין.

1957 " אַ דבר רוחני איז ניט קיין זאַך וועלכע לאַזט

4322 זיך וועגן און מעסטן, ווי דברים הגשמיים ווערן

געוויגן און געמאָסטן". י.י. שניאורסאָן, 1, דף קנ"ג.

דבר=רשות |דוואר=רעשוס| - מצ דברי=~ |דיוורי = ~| .#

א פריוואטע זאך, א פערזענלעכער עניין.

1875 " אויב ער איז געגאנגען פון א דבר=מיצווה וועגן,

4323 וועט אים זיין ליכטיק, און אויב ער איז געגאנגען

פון א דבר=רשות וועגן, וועט אים ניט זיין ליכטיק".

קב הישר, 5, 106.

1957 " ביי דברי=הרשות איז די עצם גשמיות זייערע א

4381 שטארקערע ווי די גשמיות, וואס איך די זאכן וואס זענען

א מיצווה". י.י. שניאורסאן, 1, 298.

דבר=שבצדקה |דאוואר שעביצדאקע| - מצ דברים=~ |דווארים=~| -

א צדקה=זאך, א פילאנטראפישער עניין.

1868 " דאס איז מיט מאשענסטווע |=שווינדלעריי| געזאמלט

4326 געלט, לאז עס כאטש קומען אויף א דבר=שבצדקה".

פער 177, נ' 34, ז' 254.

1957 " אין אַלע דבֿרים שבצדקה איז ער געווען דער

4327 ערשטער, אָבער אין לערנען איז ער נעבען געווען שוואַך".

י.י. שניאורסאָן, 1, דף רי"ב.

דבר=שבקדושה | דאָוואַר שעביקדושע | - מצ דבֿרים= | דוואָרים=.

אַ הייליקע זאַך, א פֿאַרהייליקטע זאַך.

|?1817| " עס איז איין איסור צו רידן דבר שבקדושה

4328 ווען ער זעהט אוף צו איין זאַך וואס מיאוס איז".

ס' חסידים, סימן קנה.

1864 " זיי האָבן דאָרט אזוי פֿיל יאָרן געשעפּט געמאַכט,

4329 לאָז בלייבן עפּעס א דבר שבקדושה צום אָנדענקען".

פּער 177, נ' 47, ז' 708.

1919 " |...| נאר לאמיר לאזן די טומאה אן א זייט.

4478 מיר ריידן דא וועגן דברים שבקדושה". זשיטלאווסקי,9, 94.

1953 " דאס וואס מיר באצייכענען אין אונדזער היינטיקן

4329 זשארגאן מיטן ווארט ׳ראסע׳, איז פאר אים |דעם יידנטום|

ניט קיין דבר שבקדושה, ניט קיין פעטיש". ח. גרינבערג,2,78.

**דבר של מה=בכך** |דאוואר שעל מא=בעכאך| מצ דברים=~ |דוואָרים=~| ס.

קליניקייט, אומוויכטיקע זאך, עניין.

**דבר=שטות** |דוואר=שטוס| - מצ דברי=~ |דיווריי=~| ס.

נארישקייטן, פלוידערייַ.

1957 " איך האב איין מאל |...| געהערט, ווי אן עלטערער

4334 חסיד חוזקט גוט=ברודעריש פון א יינגערן חסיד, וואס

האט פאר אים געזאגט עפעס א דבר=שטות". ה. צייטלין,1,211.

50/1 דב-

דבר=שיבוש |דוואר=שיבעש| - מצ דברי=~ |דיווריי~| .

אן אומוויכטיקע זאך, א קלייניקייט, א נישטיקייט.

1888 " |...| לכן בין איך אצינד שטארק פארנומען |...|

און קאן זיך נישט אפגעבן מיט אזעלכע זאכן ווי א פעליעטאן 4335

צו שרייבן וואס ביי מיר איז דאס |...| גאר א דבר=שיבוש".

שלום=עליכם, 33, 9.

דבר שלא בא לעולם |דאוואר שעלוי בא לעוילאם| - מצ

מצ דברים שלא באו לעולם |דווארים שעלוי באו לעוילאם|.

1. זאכן וואס עקזיסטירן נאך נישט. ~~1. זאכן וואס עקזיסטירן~~

~~נאך נישט.~~ % א מענטש טאר ניט פארקויפן א דבר שלא בא לעולם

(א שטייגער, א קעלבל וואס איז נאך ניט געבארן געווארן).

" ווען רובן האט פארקויפט צו שמוענען פירות פון 1865

4336 א בוים, וואס וועט ערשט וואקסן, אפילו די פירות זענען

נאך נישטא אויף דער וועלט, הייסט דאך דאס הדבר שלא באלץ לעולם!

איבז אנ, שבילי המלמדים, דף כג/ב.

דבר של קיימא |דאוואר שעל קאיאמע| מצ דברים=~[דוואריםן=~], ש.

א זאך פון דויערנדיקן ווערט, וואס האלט זיך לאנג.

% זיי האבן געוואלט אריינלייגן זייער געלט אין

א דבר של קיימא, האבן זיי געקויפט א הויז.

" קען ניט דער רע איבערוועגן חס=ושלום דעם טוב, 1962

4338 ווייל ער איז ניט קיין דבר של קיימא".

איבז אנ, ליקוטי=שיחות, ז' 86.

דבר=שפתיים|דוואר=ספאסאים|- מצ דברי=~|דיווריי=~|.

סתם רייד, וואָס ווערן געזאָגט ניט אָפּנהאַרציק, ניט ערנסט, אבי יוצא צו זיין% די רייד וועגן העלפן די אָרעמע זיינען געווען ניט מער ווי א דבר=שפתיים, מע האָט זיי קיין זאַך ניט געגעבן.

דבר=שקר|דוואר=שעקער| - מצ דברי=~|דיווריי=~

א ליגן, א פאַלשע טוונג.

1892 " דו זאַלסט נישט זאָגן קיין שום דבר=שקר קיין מאָל, נאָר דעם אמת". אנ. ס' הנהגות טובות, 1, 129. 4341

1915 " לאָמיך אַזוי לעבן מיט אייך און מיט אייער ווייב, ווי איך זאָג אייך ניט קיין דבר=שקר". שלום=עליכם, 172,15. 4341

דבר=תורה |דוואר=טוירע| - ס'רוב איז מצ דברי=~ |דיוורייי=~|.

א תורה=וואָרט, אַ פּסוק פון דער תורה אָדער תלמוד,

אַ פּירוש איבער אַ פּסוק אד"גל. % דער חתן האָט געזאָגט

אַ דבר=תורה ביַי דער סעודה.

1957 " אַז מע זאָגט איבער אַ דבר=תורה, פאַראייניקט מען

זיך מיט דער |נשמה| פון דעם בעל=השמועה". 4343

י. י. שניאורסאָן, 1, 204.

|1968?| " אויך אויפן ברית האָט זיך ר' אברהם געפּירט

שטיל און פּשוט, ניט געזאָגט אַפילו קיין דבר=תורה 4344

פאַר די פאַרבעטענע יונגע=לײַט". גראַדע, צמח אַטלאַס |ב?ז?|.

|1817| " איינר טאר ניט זאגן איין דברי תורה וואס
4412 זיין חבר הט גדרשת פון זיינש וועגן נייארט ער זאל
זאגן די זאך פון זיין חברת וועגן". ס' חסידים, סימן קנה–80.

1899 " ר' שלמהס ווייב און טעכטער האבן |...| זיך
4413 געפילט איבעריק אין דער געזעלשאפט פון מאנצבילן,
וואס רעדן דברי=תורה". מענדעלע, 8ב.

1916 " פון א גלעזל ווייין ווערט מען לעבעדיק, און די
4414 צונג ווערט אויפגעבונדן און מע הייבט אן רעדן |...|
דברי=תורה". שלום=עליכם, 38, 119.

ב) דברי=אלוקים חיים |דיווריי עלויקים כאים| – גאטס רייד.
... " |...| אז שלמהלעס רייד זענען דברי=אלוקים חיים
4373 און אז ער איז א בעל=גילוי=אליהו". באשעוויס, 1, 230.

1956 " יעדער וואס |...| ער פוילט זיך |אין דאווענען|
4374 וועט ער באשטראפט ווערן |...| ווען ער וועט אהערקומען
צו הערן דברי=אלוקים=חיים". איבז, אנ, ליקוטי אמרים,
קג - כיא.

דברי=אמונה |דיווריי=עמונע| - עניך פון דת, פון רעליגיע.

1865 " ער איז געווען קאלט צו אלעם אין דער וועלט,
4375 אפילו אין דברי=אמונה אויך". ג.י. ראוויטש, 1,5.

דברי=אמת |דיווריי=~| ←----- .דבר=אמת.

דברי=דופי |דיווריי=דויפי| - אפשטויסנדיקע רייד,
רייד פון לעסטערונג, פון באשמוצונג.
1876 " קום און זע וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש:
4376 דער וואס איז מחדש אין דער תורה דורך פאלשע הקדמות, די
ווערן אנגערופן דברי=דופי|...|". קב הישר, 5, דף ח.

<u>דברי=הבל</u> |דיווריי=העוועל| - פוסטע, נארישע רייד.

1883 " אחינו בני=ישראל, איר זאָלט נישט הערן אַזעלכע

4377 ווערטער, ווייל דאָס איז <u>דברי=הבל</u> |...|."

<u>אנ, נופת צופים, 2, 86.</u>

<u>דברי=הימים</u> |דיווריי=האַיאָמים| - 1. נאָמען פון לעצטן ספר

פון תנ"ך.

2. כראָניק, געשיכטע (היסטאָריע).

(?נ?) <u>דברי=הספד</u> |דיווריי=העספּעד| - אָפּשיידרייד איבער א נפטר.

1883 "...איבער דעם דאַרפן מיר אָנצוהייבן די <u>דברי=הספד</u>

4380 און מיר זאָלן מפרש זיין דעם אלף=בית, וואָס דער

באַשעפער פון דער וועלט האָט געשיקט צו קלאָגן אויף

חורבן=בית=המקדש וירושלים |...|." <u>אנ, נופת צופים,2,62.</u>

<u>דברי=חול</u> |דיווריי=כאל| - ←---- <u>דבר=חול</u>.

<u>דברי=חז"ל</u> |דיווריי=כאזאל| - די רייד פון די חכמים,
זכרונם לברכה (געמיינט בעיקר די שעפער פון תלמוד)

1919 " גיין שייד געקליידט, |...| עסן יום=טובדיקע
מאכלים |...| אום שבת און יום=טוב| איז א באווייזן אז 4392
מיר זענען עבדי ה', און אז מיר זענען דאס ניט מקיים,
הייסט דאס מחללי ה' רח"ל, דעריבער איז ריכטיק
<u>דברי=חז"ל</u>, אז אין לו חלק לעוה"ב". <u>זאלער, 1, 105</u>.

<u>דברי=חכמה</u> |דיווריי=כאכמע| - קלוגע, באלערנדיקע רייד,
רייד פון/וועגן וויסנשאפט.

1808 " דר וואש דש ספר לייאנט דורך קען זיך ארויש נעמן
פון דיא מעשות ומשלים פיל <u>דברי=חכמה</u> ושכל אונ' דרך ארץ". 4393
<u>ס' משל נקדמוני</u>.

1880 " אלע צוויי טעג פלעגט הרב רבי משה קומען צו דעם
4394 שעך און האָבן באַנאַנד געשפּראָכן פֿון <u>דברי=חכמה</u>".
<u>י. געלבארט, 1, 10</u>.

<u>דברי חכמים</u> |דיווריי=כאַכאָמים| -רייד פֿון קלוגע לייט, פֿון געלערנטע.

<u>דברי=יראה</u> |דיווריי= יִירע| - פּראַקטיקע, פֿרומע רייד.

1875 " |...| אַז |דער מענטש| זיצט מיט זיינע חברים,
4397 זאָל ער מיט זיי ריידן דברי=תּורה אָדער דברי=מוסר
און <u>דברי=יראה</u>". <u>קב=הישר, 5, דף ו'</u>.

(?נ?) <u>דברי=כּיבושין</u> |דיווריי=קיבושין| - שטראָפרייד, מאַראַל=
פּרעדיקעריי.

<u>דבֿרי=ליצנות</u> |דיווריי=לייצאַנעס| – שפּאַסיקע רייד, שפּאַסן,
וויצן.

|1817?| " און קומען צו גיין לצים און רידן <u>דברי לצנות</u>
גיא אוועק און שטראף זי ניט זי ווערן דיך פיינט האבן". 4399
<u>ס' חסידים, סימן עה</u>.

1881 " מע רעדט שוין אום שבת ניט נאָר דבֿרי=חול, נאָר
טאָקע <u>דבֿרי=ליצנות</u> און ניבול=פּה". <u>שאַצקעס, 2, 181</u>. 4400

<u>דבֿרי=מוסר</u> |דיווריי=מוסער| – שטראָפרייד, מאָראַלישע רייד.
1881 " אונדזער אפּיקורס האָט אָבער גאָר נישט געוואָרט, ביז
דער רב וועט אָנהייבן פֿונאַנדערפֿירן זיינע הענט מיט
די <u>דבֿרי=מוסר</u>". <u>שאַצקעס, 1, 48</u>.
1957 " די <u>דבֿרי=מוסר</u> און דרכי=עבֿודת ה', וואָס איך חסידות,
איז דאָס פֿאַר אַלע יידן, ניט נאָר פֿאַר חסידים אַליין". 4402
<u>י.י. שניאורסאָן, 1, 184</u>.

<u>דברי=מלכים</u> |דיווריי=מעלאכים| - (<u>עלט</u>) ענינים פון דער מלוכה פאליטישע ענינים.

1864 " ער שמועסט טאג און נאכט נאר |...| פון ראטשילדס פארמעגן, |...| פון <u>דברי=מלכים</u>". <u>פער 177, נ׳ 35, ז׳548.</u> 4404

<u>דברי=נבואה</u> |דיווריי=נעוווע| - נביאישע רייד, דאס פארויסזאגן די צוקונפט.

1847 "|...| איך דער וואש האט איין גאנץ קלארן (שכל ווען עס קומט אין זיין שכל איין (דברי=נבואה) קען ער ניט צו אנדרי מענשן די (נבואה) ערקלערן". <u>פאוויר, 3, דף י״ג</u> 4405

<u>דברי=ניאוף</u> |דיווריי=ניעף| - אומאנשטענדיקע, אויסגעלאסענע רייד.

1935 " זי איז מחרף ומגדף, זאָגט אַרויס שמות הקדושים

4406 און איז זיי מבזה. גראָבע רייד שיטן זיך פֿון איר און

דברי=ניאוף". באַשעווּיס, פֿער 23, 40.

דברי=סופֿרים|דיווריי=סאָפֿרים| – רייד פֿון די שרײַבער, געמיינט די דינים פֿון די חכמים פֿון עזרא הסופֿר ביז די תּנאים.

1956 " |...| אַפֿילו ווען דאָס איז אַן איסור=דרבנן, וואָרעם

4407 דברי=סופֿרים זײַנען נאָך האַרבער ווי דברי=תּורה".

איבן אַנ, ליקוטי אמרים, 48 – 24 |?|.

דברי=קבלה|דיווריי=קאַבאָלע| – רייד וואָס גייען איבער בקבלה, פֿון דור צו דור.

1957 " דער טאַטע איז געווען זייער צופֿרידן פֿון די

4410 מעשיות, |...| דאָס איז דאָך <u>דברי=קבלה</u>, איש מפּי איש".

<u>י. י. שניאורסאָן, 1, דף קה"ז</u>.

<u>דברי=קדושה</u>|דיווריי=קעדושע| - ----← <u>דבר=קדושה</u>.

<u>דברי=שטות</u> // |דיווריי=שטוס| - ----← <u>דבר=שטות</u>.

<u>דברי=תּוכחה</u> // |דיווריי=טויכעכע| - שטראָפֿרייד, רייד פֿון

מוסר, מאָראַל.

1875 " שטאַרק זיך און פֿעסט זיך מיט <u>דברי=תּוכחה</u>

4412 אַנטקעגן דעם רשע". <u>קב הישר, 5, דף ק"ז</u>.

<u>דברי=תּורה</u> |דיווריי=טוירע| - ----← <u>דבר=תּורה</u>.

דברים אסורים - ----> דבר אסור.

דברים בגו |דוואָרים בעגוי| - אדוו פֿר, ס'איז דאָ אין דעם א טעם, אַ זינען, עפּעס שטעקט אין דעם.

|1931-1926| "פֿון קיין שענק איז נאָך קיינער נישט נתעשר געוואָרן. און אַז איינער איז רייך - איז דברים בגו- נעמט ער מסתמא צו גנבות, מולכט בראַנפֿן פֿון פּרייסן". 4437

אפּאטאשו, 10, 306.

דברים בטלים |דוואָרים בעטיילים| - פּוסטע רייד, סתם רייד, פּלוידערייען, אַרויסגעוואָרפֿענע/אומזיסטע רייד.

|1817?| "דש איז דר כלל אלי די מחלוקת אהער ווייל דען מענש גלוסט צו הערן דברים בטלים דז ברענגט לידי כעס אונ איין עבירה ברענגט די אנדרי". ס' חסידים. 4438

סימן מ"ח.

1864 "צום סוף וועט איר ארויסזען, אז דאס איז חלילה
4439 נישט קיין **דברים בטלים**". מענדעלע, 6.

1900 " מיר רעדן נישט דארטן |...| קיין **דברים בטלים**,
מיר לייענען יידישע צייטונגען, ביכער |...|".
שלום=עליכם, 14, 124.

1943 " האט ער נישט ליב קיין **דברים בטלים** און איז פארקאכט
4441 שטארק אין השכלה און לומדות". זינגער, 8, 17.

**דברים בעלמא** |דווארים בעאלמע| - סתם רייד, ניט ערנצט,
גערעדט סתם אין דער וועלט אריין. % ער האט טאקע
צוגעזאגט א סך, אבער ס'איז געווען **דברים בעלמא**,
ער האט גאר ניט געמיינט צו געבן.

**דברים ברורים** |דווארים ברורים| - ---→ **דבר ברור**.

דברים היוצאים מן הלב |דווארים האיויצים מין האלעוו| -

רייד וואס קומען פון הארצן, אפנהארציקע, עכטע רייד.

1961 " זיין דאוונען פארן עמוד האט פארמאגט א סך מתיקות

און די תפילות זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב". 4458

מ. גליקליך, יזב 13, 100.

דברים המותרים [דווארים המוטארים] — ← דבר המותר.

דברים העומדים ברומו של עולם |דווארים האוימדים בערומוי שעל

אוילאם| – זייער ערנסטע פראבלעמען, הויכע מאטעריעס.

% די יונגע=לייט דארט שמועסן גאר וועגן דברים העומדים

ברומו של עולם, גאר טיפע ענינים, וועגן גאט און

נאטור וכדומה אזעלכע זאכן.

דברים כדרבונות |דווארים קעדארבוינוים| – שארפע,שטעכיקע (?ב?)

רייד.%ער האט אים אריינגעזאגט, ממש דברים כדרבונות,

ס'האט יענעם דערלאנגט אין דער זיבעטער ריפ.

<u>דברים כהוויתם</u> | דבָרים קאַהאָוואַיאָסאָם | - זאַכן אַזוי ווי זיי זייַנען, אַקוראַט ווי זיי זייַנען, זייַנען געשען. % ער האָט אים דערציילט וועגן דער נסיעה <u>דברים כהוויתם</u>, נישט אויסגעטראַכט גאָרנישט.

<u>דברים ככתבן</u> | דבָרים קיכסאָוואָן | - די רייד, ווערטער פּונקט ווי זיי זייַנען פאַרשריבן. % ער האָט אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן בריוו <u>דברים ככתבן</u>, ניט געביטן אַ וואָרט.

<u>דברים עליונים</u> | דוואָרים עליוינים | - הויכע, דערהויבענע ענינים, הויכע מאַטעריעס.

1883 "אין דער תורה זייַנען אַלע <u>דבָרים עליונים</u>, וואָס זייַנען אַנטפּלעקט און וואָס זייַנען ניט אַנטפּלעקט".

<u>אנ. נופת צופים. 2, 4.</u>

<u>דברים רבה</u> |דוואַרים ראַבאַ| – אַ מדרש אויף דעם ספֿר "דברים", איינער פֿון די ספֿרים "מדרש רבה".

<u>דברים שבין אדם לחברו</u> |דוואַרים שעביין אַדעם לאַכאַווייראָוי| –

<u>פֿער 177, נ׳ 13, ז׳ 98</u>.

ענינים פֿון באַציונגען צווישן מענטש און מענטש. 1867 "המגיד": אויך דאָס מיינט נאָר מענטשלעכע, "<u>דברים שבין אדם לחברו</u>".

<u>דברים שבין אדם למקום</u> |דוואַרים שעביין אַדעם לאַמאָקוים| – ענינים פֿון באַציונגען צווישן מענטש און גאָט.

<u>דברים שבינו לבינה</u> |דוואַרים שעביינוי לעווײַנאַ| – (אייפֿעם) סעקסועלע באַציונגען.

1909 " דערנאָך האָט זי מיר פֿיל גרויסע סודות מגלה געווען, דערנאָך... נאָר דאָס איז נישט צו דערציילן, דאָס איז "<u>דברים שבינו לבינה</u>"...|". <u>וויעוויאַרקאַ, 1,15</u>. 4472

1967 " |...| מע דארף אנהייבן פון די אזוי גערופענע
4473 דברים שבינו לבינה, די קעגנזייטיקע באציונגען און
ליבע פון ביידע, ווי מאן און פרוי". מ. זילבערבערג,
פער 38, נ' 61, ז' 56.

דברים=שבלב |דווארים שעבאלעוו| – דאס וואס דער מענטש
האט אין הארצן, געפילן וואס זענען ניט ארויסגעבראכט,
ניט אויסגעדריקט.

1911 " רעליגיע איז א גאנץ איידעלער ענין. זי באלאנגט
4474 צו יענע דברים שבלב, וואס לאזן זיך ניט רעפארמירן
מיט די גראבע, אומגעלומפערטע הענט פון וועלכן ניט
איז בורושוק". א. גינזבורג, פער 125, פעברואר.

דברים=שבצנעה |דווארים שעבעצינע| - (אײפֿ) ענינים וואס זײַנען שײך צו באַציונגען צווישן מאַן און פֿרוי, סעקסועלע באַציונגען.

1881 " |...| אַז מע וואָלט זײַ |די ײדן| באַדאַרפֿט אָפּהיטן אין אַלע זאַכן, וואָלט מען באַדאַרפֿט מאַכן אַ טאַקסע אויף דברים שבצנעה אויך". שאַצקעס, 1, 116. 4476

1916 " אין דברים שבצנעה, אָדער ווי מ'רופֿט עס 'דברים שבינו לבינה, איז ער אַ מוראַדיקער בעל=תּאווהניק |...|". זילבערבוש, 1, 36. 4477

דברים=שבקדושה |דוואָרים=שעביקדושע| --> דבר=שבקדושה.

דברים=של=מה=בכך |דוואָרים=שעל=מה=בעכאַך| - קלייניקייטן, אומוויכטיקע זאַכן, ניט קיין וואָגיקע אַרגומענטן.

1866 " בכדי איך זאָל אים ניט אָפּלייקענען מיט ~~דברים=של=~~

4479 דברים=של=מה=בכך, וועל איך איַיך, ליבע לעזער, דערציילן פינקטלעך |...|". פּער 177, נ' 23, ז' 355.

1936 " אישה! - שריַיט ער שוין אַריַין אין קיך - איַי-איַי,

4480 וואָס זינדיקסטו? חלה מיט הערינג איז דברים=של=מה=בכך? איַי, אישה, אישה!". האַראַנטשיק, 3, 173.

1968 " מעגן פֿאַפּירן רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען - קענען

4481 מענטשן בליַיבן פֿאַרגליווערט אין זייערע טאָגטעגלעכע

פּאַרענישן, אין זייער פֿאַרשמאַיעטקייט מיט דברים=של=מה=בכך".

ה. זיידמאַן, פּער 69, 16/II.

סוף=דבר |סאָף=דאַוואָר| - פֿפֿ לסוף דבר. (אין) סך=הכּל, צום סוף, צום פֿאַרענדיקן דעם ענין.

1887 " עס איז דאַ גענוג פֿעלערן, אָבער ניט אַ הויז צו בלאַמירן לעיני כל ישראל. נאָר סוף דבר: סיג לחכמה שתיקה". פּער 74, ז' 785. 4346

1959 " לסוף דבר דאַרף מען אויך באַרעכענען, אַז דרײַ פֿון די װײַבערישע פּרנסות זײַנען פּאַקטיש אַ חוט המשולש |...|". בלומענטאַל, 1, 140. 4346/1

אין לדבר סוף |איין לעדאַוואָר סאָף| - אַדוו פֿר. ס'האָט ניט קיין סוף, קיין ענד, אַז מ'קערט זיך אום אַלע מאָל צו דעם זעלבן ענין, איז דאָך אין לדבר סוף, וועט מען דאָך קיין מאָל ניט קומען צו קיין אויספֿיר.

72 דב-

<u>יודע=דבר</u> |יאַדייע דאַוואר| - אַ קענער, אַ ספּעציאַליסט.

1973 " די זעלבע יודע=דבר האבן עס געגעבן צו פאַרשטיין

4346/2 אַז לאַנגע ביאורים, וואס מע פּיינט דערמיט |...|".

<u>בלומענטאַל, 1, 140.</u>

ם

דבר חכמה.

1626 " אונ׳ דאש מאל איז איינר דער טרעג איז איך
4511 זיינום לימוד, לסוף פרעגט מן אין איין דבר חכמה
דא שלומט ער אונ׳ קאן נישט". ס׳ המגיד, 1, משלי, ט- טו.

דבר טמא

1752 " פאטר אונ׳ מוטר זאלן גווארנט זיין אירי קינדר
4513 קיין מורא צו מאכן מיט איין (דבר טמא) דהיינו
זיא זאלן ניט זאגן צום קינד איין קאץ אבה איין
הונט ווערט דיך אוועק נעמן דען קומן בלד דיא (קליפות
אונ׳ זענן דש קינד (מטמא)". ס׳ עץ חיים, דף יג - 3.

דבר מצוה.

1752 " מן טאר ניט גיאן אן שבת אפילו איין תחום שבת
4515 נייארט צו איין דבר מצוה". ס׳עץ חיים, דף מ׳ו=3.

דבר רשות.

1743 " איז ער צו איין דבר מצוה גנגן|און איז ניט
4517 געקומען דאוונען| איז אין הקב"ה מוחל. איז ער אבר
איין דבר רשות נאך גנגן, איז ער אין ניט מוחל".
קב הישר, 2, דף לא - 1.

דבר שבקדושה.

1752 " |...| זאל מן הלטן איין גיגלייזרטי כלי אבר פון
4518 איזן ווערג אז די כלי ניסט אן זיך אן ציהט קיין
אום פלאט זונשט טאר מן קיין(דבר שבקדושה) ארויס
רידן". ס' עץ חיים, דף טז - 1.

## דבר שטות

1769 " איך האב מיט איהם לערך חצי שעה דיסקורירט

אונד האבי איך גרינשטן אן איהם נישט גשפיהרט אייך 4519

דבר שטות". שו"ת אור הישר, דף יא - 1.

## דברי חול.

1743 " גיהער זיך איטליכר מענש אליין אייך צוים מכין

דז ער זאל ניקש רידן קיין דברי חול איך דיא 4520

הייליגי שול אונ' בית המדרש". קב הישר, 2, דף ד - 3.

## דבר יראה.

1743 " דרום גיהערט איטליכר מענש צו זעהן זאל זיך

מרגיל זיין צו רידן דברי יראה אונ' דברי מוסר 4522

דז איזט אייך תועלת גדול|ה| לנשמה". קב הישר, 2, דף ד -3.

דברי מוסר.

1626 " |...| זאל מיין קאפ ניט פר וואגלן אונ' אב
4523 טון פון דברי מוסר". ס' המגיד, 1, תהילים, קמא - ה.

דברי נביאות.

1626 " אונ' בין אל הער האט דער אליפז אייטל דברי נביאות
4525 גיזאגט |...|". ס' המגיד, 1 איוב, ה - א.

דברי קדושה.

1743 " איין דש איין ממונה אויף דיא לייט וואש רידן
4526 צום ערשט דברי חול ליצנות |...| אונ' דר נאך רידן
זיא דברי קדושה, אלזו גיט דער זעלביגר ממונה אונ'
נעמט דיא דברי קדושה ווירטר אונ' איז מטמא".
קב הישר, 2, דף ד - 3.

דברי תוכחה.

1743 " |...| מיט פאר שטאנד גערן אן נעמן אונ' פאלגן די

4527 דברי תוכחה כדי דאש זיין נשמה זאל ניט פר פאלן

איין גיהנם". קב הישר, 2, דף סא - 3.

דברי תורה.

1626 " אבר איינר דער דא יוא גלוסט צו דברי תורה

4528 אפילו זעלכי זכן דיא אים ביטר אונ' זויאר אן

קומן זיינן אים זיס". ס' מהגיד,1, משלי, כב - ז.

1711 " אזו אך ווע דא לאזט אויש זיין מויל דברי תורה

4529 אדר תפלה זאל ער רידן רעכט ארויש איטליכש ווארט,

ניט שלינגן דיא ווערטר". נחלת צבי, במדבר.

<u>דברים בטלים</u>.

1676 " אויך רעט מן בייא איינר חברותה אופט <u>דברים בטלים</u>

4530 דיא וויניג נויץ זייך אונ' שוועכין אירן ריד |...|".

<u>ברנט שפיגל, פרק ח'.</u>

78/1. ~~8~~ - דב

ד ב ר = א ח ר |דאַוועראַכער| - 1. (לל) אַן אַנדער פּירוש, אַן אַנדער טײַטש, עפּעס גאָר אַנדערש.

% איבּ דו מײַנסט אַזוי, איז דאָך שוין דבר=אחר.

1883 " דבר=אחר אײן אַנדער פּשט איז אויף דעם פּסוק |...|. די ברכות וואָס קומען אויף דער וועלט פֿון דעם הבל|?| הקודש איז אַלץ פֿון די מעשה צדיקים". 4532

אַנ. נופת צופים, ז' 188.

2. דער. =ס/דברים אחרים|דוואַרים אַכײַרים|. (אײפֿעם)

אַ חזיר. % דער דבר=אחר פּראַיעט זיך אין דער בלאָטע. דער אַפּיקורס עסט אַפּילו דבר=אחר.

... " אַ גאַנצן טאָג הערט זיך אַ קוויטשערײַ פֿון דבר=אחרס, אַ הירזשען פֿון פֿערד". אַש.

... "חיה=שׂרה איז איצט שוין אַ וווייבל און דברים=אחרים
4533 מיט דיר צוזאַמען האָט זי פֿריִער אויך ניט געפּיטערט".
ווינטשעווסקי, 5, 81.

1949 "פֿויערישע האָב און גוטס – אַ שטרויען דעכל פֿון
4534 אַ כאַטקע, אַ קאַריטע, אַ גראַבליע, און אַפּילו אַ דבר=אחר".
זינגער, 9, 276.

1961 "און זיי, רבי, עסן דבר=אחר". מ. ראַם, פּער 38,
4535 נ׳ 42, ז׳ 104.

3. (פֿיג, פּעיאַ) וועבן אַ שלעכטן מענטשן, אַן ענגהאַרציקן,
אַזאַ וואָס מע קאָן פֿון אים קיין טובה, קיין הילף
ניט קריגן.

1881 " אַזוי לאַנג זאָלן שויך מײַנע שונאים קרענקען,

4538 ווי לאַנג איך וועל שויך צו דעם <u>דבר=אחר</u> ניט גיין

צו גאַסט". <u>שאַצקעס, 1, 164</u>.

1920 " דעריבער הייסט אַ קאַרגער "<u>דבר=אחר</u>", דען פון

4539 אַ חזיר קאָן קיין ייִד אויף דעם מינדסטן נישט נהנה זײַן".

<u>עלזעט, 2ג, 44</u>.

1965 " וועמען וואָלט מען אָוועקגעזעצט אויף פירן מלוכות? –

4541 אַוודאי יאָשע דעם גביר, דעם <u>דבר=אחר</u>".

<u>מאַלאַדאַווסקי, 3, 87</u>.

<u>דבר=אחר ביד חזקה (שתיים)</u> |~ בעיאַד כאַ‚אַקע| –

1. (<u>שלש</u>) וועגן אַ גרויסן מנוול, אַ שלעכטן און

קאַרגן מענטשן. % אונדזער גביר איז ניט סתם אַ קמצן,

נאָר אַ <u>דבר=אחר ביד חזקה</u>, ס'האָט נאָך בײַ אים קיין אָרעמאַן
קיין נדבה ניט געקריגן.

2. (איפּ) וועגן אַ שלעגער, אַ כוליגאַן (ס'רוב וועגן אַ גויישן).

1962 " מיינען מיינט די הלכה צו געבן אַן אַנדער פּשט אויף די ווערטער 'ביד חזקה' (מיט אַ שטאַרקער האַנט 4544
האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פֿון מצרים). נאָר אַזוי ווי ייִדן רופֿן אַ חזיר מיטן נאָמען דבר=אחר, האָט דאָס פֿאָלק געשאַפֿן דעם אויסדרוק 'דבר=אחר ביד חזקה' -
אַ ווילדער גוי גייט באַלד מיט די קולאַקעס". פֿער 69, 15/V.

פֿפֿ: דיק ווי אַ דבר=אחר. קאַרג ווי אַ דבר=אחר.
צעקרעלט ווי אַ דבר=אחר.

אַרויסווייַזן/אַרויסשטעלן דאָס דבר=אחר=פּיסל - אָפּטאָן אַלערליי שלעכטע מעשים (קאַרגשאַפֿט, רשעות, צביעות).

(וועגן)

78/5

דב –

1884 " הייִנטיקע וועלט דאַרף מען אַרויסשטעלן,

4545 ווי זאָגט מען, דאָס דבר=אחר=פּיסל, אַלצדינג טון, נאָר

אָבער פֿאַרשטעלט". א. גרינבערג, פּער 74, נ' 3, ז' 37.

לעבן ווי א דבר=אחר – 1. לעבן אין שמוץ.

2. זיין קאַרג, נישט פאַרגינען זיך קיין זאַך.

עסן ווי א דבר אחר – עסן ניט ווי ס'איז אַנגענומען אין

אַ דערצויגענער סביבה.

שור: אַפּילו אין דער הגדה געפינט מען דעם דבר=אחר –

שלעכטע/קאַרגע מענטשן זיינען דאָ אומעטום (דאָס שור

איז מרמז אויף דעם פּסוק אין דער הגדה "דבר אחר ביד חזקה

שתים" – געמיינט אַן אַנדער אויסטייטש פון 'ביד חזקה'.).

ד ב ר ה - ----> דיברה.

ד ב ר ן |דאַבערן| - טרוו. רעדן, זאָגן(גענ יצט ווען מע ווי ל, אַז עמעצער פֿון די בייזייענדיקע זאָל נ יט פֿאַרשטיין דאָס געדעדטע;אויך איראָניש/ביטולדיק וועגן די רייד אָדער רעדנער). % דבר ניט, דער אָדון איז מבין אונדזער לשון. האָט דאָס יענער געדברט און געדברט, ביז דער עולם איז פֿאַרנודיעט געוואָרן און זיך צעגאַנגען.

1884 " וואס דברט דער אָדון? - ער דברט אַז ווען דער יהודי וועט ניט משלם זיין, וועט ער אייך אָוועקלקחנען 4565 אין מקום הגדול טאָקע". ש. בערנשטיין, 1, 23.

1911 " וואָס רעדט איר צו זיי אַזא לשון, וואָס זיי הייבן נישט אָן צו פֿאַרשטיין? אַמער דברט בעסער אָט צו ווענען". 4566 שלום=עליכם, 35, 243.

1927 " נו, האסט דאך עפעס געוואלט זאגן, ראובעלע,

4567 וואס זשע דברסטו ניט?מעקע זיך אויס, אלטער!".

א. קאהאן, 1, 47.

1944 " דער באקנעפלטער בלויראק דברט דא נאך אנאנד".

4568 סיגאל, 2, 183.

/7 שוו: פון בורבענען (=פלאפלען) און דברן בלייבט

ברודנע די שטוב | פער 90, נ' XIV - 2, ז' 61 -

פון רעדן סתם אין דער וועלט אריין קומט גארניט ארויס.

ד ב ר ן |דאַבערן| - דער, =ים |דאַבראַנים|.

1. (עלט) אַ מענטש וואָס איז דעלעגירט צו רעדן, אויסטעהבן
זיך אין נאָמען פון אַ ציבור; פֿירשפּרעכער.

|אַנהייב י"ה| " איך האָב געהערט אַ מאָל אַ היגן מאַכער
|...| וואָס קהל אהט אים בוחר געווען, ער זאָל זיין 4580
דער דברן מיט אַ שררה עפּעס". לעווינזאהן, 36,1.

... " |...| איז נתעלה געוואָרן צו זיין דעם פֿאָלקס
גרויסער דברן און אויסטעהער, זיין אויסבעטער און 4581
זיין טרייסטער". א. שטיינמאַן, 2.

1947 " רב נתן באַשמעקט מיט די נאָזלעך דעם דברן -
ס'איז פּאַליע |...|". סוצקעווער, 3, 1963. 4581/1

2. (איר) וועגן אַ רעדנער, וואָס רעדט אַ סך, אָדער שלעכט.
% ער איז פֿון יענע דברנים, וואָס האָבן ליב צו רעדן
און ס'איז ניטאָ וואָס צו הערן.

1888 " יענקל=גרונם |...| אַ ייִד |...| וואָס מע רופֿט
גאָטס גנבֿ, אַ שטיקל פֿאַקטאָר ביים רבֿ און אַ גרויסער 4582
<u>דברן</u> אויף אַלע סעקרעטנע אסיפֿות וועגן כּלל=ענינים".
<u>פער 74, נ׳ 20, ז׳ 588.</u>

|| <u>דברנות</u>|דאַבראַנעס| – <u>די/דאָס, באַ</u>.(<u>לל</u>) שיינרעדנעריי, רעטאָריק. % דער רבֿ איז באַרימט נישט נאָר מיט זיין בקיאות נאָר אויך מיט זיין <u>דברנות</u> – פֿון זיינער אַ דרשה לעקט מען די פֿינגער.

ם ---← 1.

1713 " און׳ אז דער מענש גאָטש פֿארכטיג איז דער איז זוכה צו נבֿואה צו זיין אל צייט גוט מיטיג און׳ איין (<u>דברן</u>)". <u>מחזור, 1, דף רסב</u>.

(?נ?) ד ב̄ ש |דוואַש| – דער, בא. (לל) 1. האָניק.

2. (פּיג) עפּעס וואָס איז זיס, אײַנגענעם. % דאָס זינגען זינגען זײַנס איז דבש, אַ מחיה צו הערן.

1965 " אויף נאמנות זאָג איך דיר: ס׳איז דבש". 4585

מאַלאַדאָווסקי, 3, 48.

◻ דבש וחלב תחת לשונו | דוואַש וועכאָלאָוו טאַכאַס לעשוינוי | – האָניק און מילך גיסט זיך פֿון זײַן צונג – (לל) אַן אַפּרוף וועגן אַ שײַנעם רעדנער, אַ גוטן מגיד.

(?נ?) ד ג י ם |דאַגים| - די, מצ פון (לק) דג. 1. פיש.

... " זאָג זשע מיר, טאַטעניו , וואָס איז דאָס דגים? - בײַ די גרויסע גבירים איז דגים א געפּילטער העכט,// און בײַ אונדז אָרעמע קבצנים איז דגים אַן עק פון אַ הערינג". פּל.

2. דער סימבאָל פון שטערנקרײַז פאַרן חודש אָדער.

% ער איז געבוירן געוואָרן אין מזל דגים.

ם ---→ 1.

|סוף XVII| י"ה| " למחר|ת| האט מחו׳|תני| הנ״ל שלוחים אויז גשיקט אונ׳ לאזן כמה מינים חשובי דגים הוליך". 4586

זכרונות מרת גליקל האמיל, ז׳ 256.

ד ג ל |דעגעל| - דער, =ים |דגאלים|. (לל) 1. פאָן.

1894 " ניט נאָר מענטשן פון פאַרשידענע רעליגיאָנען//

4587 הענגען ארויס אזעלכע בלוט רויטע פאָנען,// נייך,

אפילו מענטשן פון פאַרשידענע סעקטן// האָבן אויך

אזוי א דגל, נאָר א ביסל א פאַרדעקטן". צווייפל, 67,4.

|1926 - 1931| -"מרדכי האָט זיך איינגעהילט אין א זיידענעם

4588 דגל, ווו ס'איז געווען אויסגענייט מיט רויטן זייד

ממעמקים קראתיך אלי". אפּאטאשו, 10, 254.

1943 " פאָנען ווייען, דגלים, דגלים |...|".

4589 לייוויק, ליד "אזוי ווי דורכן שלאָף".

1967 " א שטויב נאָך א שטויב זינגט א לויב צו זיין שבט

4592 און דגל". סוצקעווער, פּער 38, נ' 60, ז' 9.

2. (עלט) שבט, שטאַם.

1832 " דאָש גשרייא פון די ישראל וואָש זייא זאָניין
גצייט און צוטיילט אויף פיר גדלים |...|". 4591
מחזור, 2, דף קרז/א.

1863 " ווויל צו דיַין חלק, דו רעכטווערדיקע אשה כשרה
ברוכה, אויסדערוויילט איז דיַין דגל מיין פון אלע 4593
ווייבער פון דער וועלט". אנ, נופת צופים, 1, 259.

3. (גלש) מונדיר, אוניפאָרעם"|קטוור|.

0 דגל=התורה |~ האַטוירע| - (פיג) דער וועג, דרך,
תוך פון דער תורה.
1925 " איינע פון די דאָזיקע דרכים איז געווען זיך
אײַנצוקויפן מצוות. איך כבוד אלא תורה, אונדזער 4594
כבוד איז צו שטיין אונטערן דגל=התורה".
עהרמאַן, 3, 98.

דגל=מחנה=אפרים | ~ מאכנע=עפראים | די פון אפרים=לאגער (די שבטים: אפרים, מנשה און בנימין).

דגל=מחנה=יהודה | ~ מאכנע=יעהודא | די פאן פון לאגער יהודה (שבטים יהודה, יששכר און זבולון).

|1926 – 1931| |...| דארט זענען געווען נאך מער פענער! ס'איז געווען דגל מחני אפרים, גדל מחנה יהודה |...|". 4595

אפאטאשו, 8, 116.

ד ג = מ ל ו ח |דאַג=מאַלואַך| - דער, |מצ?|.

1. (לל) הערינג.

2. (רעג, ישראל, שפּאסיק) שניפּס, קראַוואַט.

... " די חבֿרה האָבן |...| געטריבן שפּאַס פֿון דעם דג=מלוח, וואָס שמעון האָט אַרומגעבונדן אַרום האַלדז".

באַשעוויס, 3, 573.

(?נ?) דגן |דאָג(אַ)ן| - דער, בא. (עלט, סוחריש) 1. תבואה.

1887 " מיט דגן |איז| זייער שטיל. אויף רעוואַל,

4598 אין יאַנואַר, צו ליוווערן". פער 74, נ' 52, ז' 930.

ד ג ש|דאַגעש| – דער,־ים|דעגאַשים|. 1. דאָס פּינטל אין אַן אות פון אלף=בית, געשטעלט צום אונטערשיידן דעם אַרויסרייד פון צוויי פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס ווערן געשריבן מיטן זעלבן אות( למשל: פּ – כ,בּ –ת)

2. אין ~~לשון=קודש~~ הדקדוק: דאָס פּינטל אין א צאָל אותיות פאַר קלאַנגען, וואָס זיי דאַרפן אַרויסגערעדט ווערן פאַרטאָפּלט (אַזאַ דגש רופט מען דגש חזק).

3. באַטאָנונג, טראָפּ, אונטערשטרייכונג.

1961 " |...| דב סדן איז דער פאַרשער און שעפּערישער קריטיקער, |...| באַלייכטנדיק די אייביקע קנינים פון פאָלק און שטעלנדיק דעם דגש אויף די פון זיי, וואָס זענען בבחינת 'נצח'". י.ח. בילעצקי, פּער 38, נ' 42, ז' 121.

4. (איר.) וועגן איינעם, וואָס איז שטאַרק מקפּיד צו ריידן לויט אַלע כּללים פון דיקדוק.

0 דגש קל |דאַגעש קאל| - דגש ב׳ 1.

דגש חזק |דאַגש כאַזאַק| - 1. דגש ב׳ 2.

2. (פיג,איר) אַ גרויסער עקשן, וואָס שפּאַרט זיך איין איבער יעדער קלייניקייט; פּעדאַנט.

ם ----> 2.

1766 " דאש איז איין דגש חזק דער ווערט גלייאַנט מיט איין טאפּלט אות למשל דש ווארט אמה דא שטייט דגש חזק 1 אין דער מ"ם ווערט עש גלייאַנט אממה |...|".
אבן ישראל, דף ג - 2.

ד " ה – שריפט=אפקירצונג פון די באמערקווערטער "דאס הייסט".

ד ה ו ר <u>א</u> – <u>די, בא.</u> מין הירזש. (?נ?)

1963 " אין די קברים פון אוראלטן מצרים האט מען

4603 געפונען לעבלעך געמאכט פון <u>דהורא</u>, דאס איז א מין

סארגע (שווארצער הירזש), מיט דינע זאנגען, פול

מיט קערנער". <u>י. וואלאך, פער 69, VIII/25.</u>

| |
|---|
| <u>רעד:</u> פון וואסער שפראך איז דאס ווארט? |

95 דה -

ד ה יי נ ו |דעהיינע| - פּאַרט. 1. שטרייכט אונטער,

טיילט אויס די ווייטער קומענדיקע אַנטוויקלונג אָדער

דערקלערונג פון דעם פריִער געזאָגטן. % אין יענער צייט,

דהיינו, אין די יאָרן 1942 - 1943, האָט דער ייִד

זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד. די אַרבעט איז אַ גאַנץ

שווערע, דהיינו, מע דאַרף אַרויפטראָגן שווערע פּעק און

מעבל אויף דעם פינפטן גאָרן.

1815 " און ווער סע וועט זוך אונטער נעמען אַז ער זאָל אום 4604

קערן צו דעם ערשטן נאָמען, דהיינו, אַז מע זאָל ווידער

רופן דו מדינה מוט דעם ערשטן נאָמען דאָס נאַרישי

לאַנד |...|". בראַסלאַווער, 1, ז' מו/ע.

1886 " אַז ער האָט באַקומען געלט, האָט ער זיך אָנגעהויבן

אײדלען, <u>דהיינו</u>, געקויפֿט זיך אַן אָרט אין מיזרח, 4605

|...| באַקלײדט זיך און דאָס ווײַב און קינדער, ווי

ס׳דאַרף צו זײַן |...|". <u>שלום=עליכם, 2ד, 69</u>.

1962 " איבערגעזעצטע יידישקייט |איז| אַן איבערגעקערטער

בוים, <u>דהיינו</u> - זאָלט איר מיר מוחל זײַן! - אַ בעזעם". 4607

<u>אהרן צייטלין, פּער 69, VI /29</u>.

2. פֿאַר אַ פּרעגזאַץ, וואָס דריקט אויס אַ פֿאָדערונג צו אַ

דערקלערונג. איך טראַכט וועגן אַוועקפֿאָרן. - <u>דהיינו</u>,

ווען רעכנסטו צו פֿאָרן? די דירה איז אַ טײַערע. -

<u>דהיינו</u>, וואָס הייסט בײַ אײַך טײַער?

1914 " . . . . . . . . . . . . . . . . .

דהיינו, וויפל שאַצט מען ז'?". שלום=עליכם, 4ג, 37. 4608

3. קומט נאָך אַ כולל=וואָרט און שטרײַכט אונטער, טיילט אויס די ווײַטער קומענדיקע אויסרעכענונג פון די זאַכן, וואָס גייען אַרײַן אין כלל. % ער וועט זײַן אין עטלעכע לענדער פון אייראָפּע, דהיינו: אין איטאַליע, פראַנקרײַך, ענגלאַנד. דער לעקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף געוויסע סאָוויעטישע שרײַבער, דהיינו: מאַרקיש, בערגעלסאָן, האָפשטיין און אַנדערע.

1814 " וועט הקב"ה גרונד פעסטיגין ירושלים מיט צעהן ארליי אבנים טובותן, דהיינו רובין פריזאנד, גארפינקיל, יאכצונג, אניקיל, אשפ, שמאראגד |...|". אנ.אבקת רוכל, ז' 12 - 13. 4610

4611 1866 " מעך מוז וויסן פינקטלעך אויסצונעמען, ווען דאס
געלט אויף איין באשטימט געשעפט איז, דהיינו,
אויף רעגאל, אויף דאלף אדער פירות, תבואות אדער ברענעריי
|...|". מ. הורוויץ, 1, דף כה - ד.

ם ----> 1.

4612 1626 " (בני נכר) די פרעמדן דהיינו דיא אומות קינדר
(יבלו) זאל פר פלבן אונ' מיד ווערן". ס' המגיד, 1,
תהילים, יח - מו.

4613 1752 " מן גהער דיא וויבר צו ווישן טאן ווען זיא וועלן
יום טוב וואש עשן וואריג צו ניאן דהיינו גפילטי
הינר אבר וואש אנדרשט |...|". ס' עץ חיים, דף נג.